נומער 8

שפיליקעס

פאריז אקטאבער 62

סאטירישער חודש־זשורנאל דערשיינט מיט רעגלמעסיקער פארשפעטיקונג יעדן צווייטן ערשטן
רעדאקטאר א. א. ליבערמאן

ווי אזוי שטימען צום רעפערענדום?

אן איספירלעכער און אלזייטיק באלייכטענער ענטפער אויף די אנפראגן פון אונזערע לייענער

באר אין איז דער ענין א פשוטער. ווען עס זאל אדורך דער „יא" קען עס אויסגיין אויף „ניין". אכער. ווען צוריק־געשמועסט, עס זאל אדורך דער „ניין" קען אויסקומען כמעט זיכער אויף „יא". קלארער גערעדט : ווי אזוי מען זאל נישט וועקן אויף יא קען עס ווערן ניין אכער די וואס מיינען, אז ניין איז דאס טאמע ריכטיקסטע, איז אפשר יא. ווען מען פרעגט אונז צי מיר ווייסן ווו עס געפינט זיך דער אמתער יא וועלן מיר אים צנטפערן אז ניין. אבער היות די מיינסטע מענטשהייט זוכט ווו עס געפינט זיך דער ריכטיקער יא, וועלן מיר אייך אנטוישן און זאגן ניין מען האט שוין געזען אז פון ניין קומט ארויס יא און אומגעקערט עס איז דאקעגן אכסאלוט פאלש מצד די וואס האלטן יא־יא ניין־ניין

ווי איר זעט רעדן מיר דא נישט מיט קיין האלב מויל נאר מיר זאגן ארויס אפן וואס מיר טראכטן ווייל ווי פר האט איר אזעלכע, וואס זאגן יא און מיינען ניין ? עס איז א כלל אז נישט אינגאנצן יא איז אויך נישט אינגאנצן ניין. ווי האט עס אזוי טרעפלעך לעצטנס געזאגט אונזער פריינט צבי לצווין ? אז כאטש דיפאן און קאהן גראמט זיך איז עס אבער נישט דאס זעלבע. ווען אדם הראשון וואלט זיך נישט געווען געאיילט צו זאגן יא און ווען חוה וואלט געווען געזאגט ניין וואלטן מיר אפשר היינט שוין א־ע געווען אין גן־עדן.

דאכט זיך, אז קלארער קען שוין נישט זיין.

אסטער ... חמן וועט מיר שוין געבן דאס וואס ... האט ... אונז [illegible]



קורץ און נאך קירצער

- יוויזט אויס, אז פון תימן דער אימאם איז נישט געווען אינגאנצן אמ־עם

◆

- איבערצוגעבן הארעמס פאר גראסיסטן און אי אינצי, זיך ווענדן צו דער אמבאסאדע פון תימן.

◆

- פון דער מיסיסיפי איז געווארן א מי אוסעיסיפי און האט געקענט יוצרן א מיתה־יפי.

◆

- [illegible] ואר יוי מאכן די קאנסטיטוציע צראסטיש — אויסציען א קאנסטי [illegible] א — צי.

◆

- יוויזט אויס אז כרושטשעוו ווען טאקע פארן אין דער אגור מען האט דארט [illegible] איבערציען דעם רעדנער־[illegible]סטענדער מי בלעך, אבער האט כרוש־[illegible] באשלאסן צו פארן קיין אמערי־[illegible] באריועס כדי אפצישייגן די שיך

LES NON VIOLENTS

א בריוו אין רעדאקציע

בײַ דעם באַקאַנטן דראַמאַטורג און רע־זשיסער זאַמי פֿעדער וואָס וווינט שוין איצט אין ירושלים האָבן מיר באַקומען

צוגעשיקט א טענה צום דראַמאַטורג און שרייבער י. קאַרעננהענדלער:

פֿעדער וואַרפֿט פֿאָר זײַן קאָלעגע קאַ־רעננהענדלער, ער זאָל האָבן געשריבן אין דער „ציוניסטישע שטימע" פֿון פּאַ־ריז, אַז פֿעדער איז נישט גענוג דראַמאַ־טורג און רעזשיסער. אַז מען זאָל וועגן אים אַזוי פֿיל שרייבן און אַזוי פֿיל רע־דעס האַלטן בעתן געזעגענונגס־באַנקעט, וואָס פּאַריז האָט אים געמאַכט.

זאַמי פֿעדער שטרייכט אונטער אַז אַ שרייבער מיט אַזאַ באַשיידענעם טאַלאַנט ווי י. קאַרעננהענדלער דאַרף האָבן כאָטש די איינציקע גוטע מידה, פֿון נישט שרייבן שלעכטס איבער זײַנע קאָלעגן ווען יענע האָבן שוין פֿאַרלאָזט פּאַריז אַזוי ווי עס איז אויך געווען דער פֿאַל מיט געניע טיילקעס.

דערבײַ גיט אויך צו ז. פֿעדער אַז ווען זײַנע קאָלעגן אין תל־אביב אָדער ירו־שלים, וואָלטן געווען געמאַכט אַן אויפֿנאַ־מע פֿאַר קאַרעננהענדלערן בעת זײַן וויזיט דעם זומער אין ישראל, וואָלט ער זאַ־מי פֿעדער, געווען אויף אַזוי פֿיל טאַלע־ראַנט און נישט אָפּגעפֿרעגט קאַרעננהענד־לערס שרייבערישן טאַלאַנט. נאָר פֿאַר־קערט, ער וואָלט אויך געקומען און גע־נומען אַ וואָרט אויף זאָגן שבֿחים כאָטש ער וואָלט אַליין נישט געגלייבט אין דעם, וואָס ער וואָלט געזאָגט

אונטערגעשריבן: **זאַמי פֿעדער**
(דראַמאַטורג און רעזשיסער)

★

באַמערקונג פֿון רעדאַקציע.
מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דעם בריוו מיט געוויסע קירצונגען אָבער מיר נע־מען נישט קיין שטעלונג צו דעם פֿאַרדריסלעכן ענין

א וואָרט וועגן לענעמאַנס נאָענטע באַציאונגען מיט בריזשיט באַרדאָ

באַ״ד נאָכדעם, ווי עס האָט זיך באַ־וויזן אַ ידיעה אין אונזער וואָרט״ אַז די פֿילם־אַקטריסע בריזשיט באַרדאָ גייט זיך מגייר זײַן האָט ל. לענעמאַן אָנגעשריבן אין דער זעלבער צײַטונג אַן אָפֿיציעלע הכחשה. אַז בריזשיט באַרדאָ האָט נישט בדעה אַריבער צו גיין צום ייִדישן גלויבן.

פֿרעגט זיך פֿון וואַנען ווייסט עס לע־נעמאַן?

זאָלן מיר אָננעמען אַז די רבנים פֿון דער קאָנסיסטאָריע האָבן אים אינפֿאָר־מירט? ווייסן מיר אָבער, אַז אַזעלכע אינפֿאָרמאַציעס גיט מען נישט ווײַל אַ־זעלכע ענינים דאַרפֿן נישט אַרויסגעגע־בן ווערן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט. אָגב האָבן מיר זיך וועגן דעם אָנגעפֿרעגט טע־לעפֿאָניש אין דער קאָנסיסטאָריע האָט מען אונדז געענטפֿערט אַז מען קען נישט אַרויסגעבן קיין סודות בון אַזאַ מין אָ־בער מען האָט אונדז פֿאַרזיכערט אַז אַ סך פֿון די גראַנד ראַבענס זענען גרייט אויפֿ־צונעמען בריזשיט באַרדאָ מיט אָפֿענע אָרעמס.

הייסט עס אַז לענעמאַן איז נישט גע־ווען באַאויפֿטראָגט דורך דער קאָנסיס־טאָריע דאָס אָפּלייקענען. קען עס נאָר זײַן בריזשיט באַרדאָ וואָס האָט אים גע־בעטן ער זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דעם ענין און אים פֿאַרזיכערט. אַז זי וועט זיך נישט מגייר זײַן?

אין אונזער קומענדיקן נומער וועלן מיר ברענגען אַן אינטערוויו מיט ברי־זשיטן וועגן דער דאָזיקער פּרשה. מיר האָפֿן, אַז ביז דעמאָלט וועלן מיר באַקו־מען אַן אויפֿקלערונג וועגן דעם פֿון לע־נעמאַנען אַליין.

אַ הונט מיט צוויי הערצער

לויט אַ מעלדונג פֿון דער סאָוויעטי־שער נײַעס־אַגענטור טאַס האָט אַ מאָסק־ווער כירורג „אײַנמאָנטירט" אין ברוסט פֿון אַ הונט נאָך צוויי אָרגאַנען — אַ האַרץ און לונגען און דער הונט פֿילט זיך אויס־געצייכנט.

ביז מען מיר וועלן דאָס נישט לייענען שוואַרץ אויף ווײַס אין „פּראַוודאַ". גלויבן מיר נישט, אַז דאָס איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ליגן.

בײַם דאָקטאָר וועגן

אַן אַנגעוויטיקטער טעמע

— דאָקטאָר ראַטעווע, איך וואָלט נאָך אַזוי געוואָלט קריגן.

— וואָס ווילט איר קריגן?

— כ׳וואָלט, איר ווייסט גאָרנישט ווי איך וואָלט געוואָלט

— וואָס? זאָגט וואָס?

— כ׳וואָלט געוואָלט קענען קריגן אַ ווענערישע קרענק.



— האָב איך פֿאַר אײַך אַן עצה: לייענט אין „אונזער וואָרט" פֿון 15־טן סעפּ־טעמבער 1962 דאָס אַרטיקל פֿון דר. ל. קורלאַנד ערשטער קאָלום. 28־טע 29־טע און 30־טע שורות.

— איך האָב געלייענט. אָבער מיט 2 שורות ווײַטער שטייט. אַז פֿון דעם ענט־פֿער קען מען גאָרנישט לערנען?

— ווער הייסט אײַך לייענען ווײַטער? לייענט בלויז די שורות. וואָס איך הייס אײַך. וווּ עס שטייט בפֿירוש אָט אַזוי־אַ:

קורץ און שאַרף אַזוי לאַנג קען מען כאַפּן אַ סיפֿיליס ווי לאַנג עס איז דאָ עמיץ וואָס צו כאַפּן"

א קלאָג וואָרט צו אונזערע סלוגע לייענע־

בדרך כּלל דאַרף מען זאָגן. אַז מיר האָבן מזל צו אונזערע לייענער. אַלע אונ־זערע חשובֿע לייענער זענען אפֿשר נישט זייער מילד, אָבער דערפֿאַר זענען זיי זיי־ער קלוג. קיין איין נאַרישער ייִד האָט נאָך בײַ אונדז נישט אָבאָנירט די „שפּיל־קעס". דעריבער זענען מיר זיכער אַז איר יועט פֿאַרשטיין די מאָטיוון פֿאַרוואָס מיר האָבן זיך דאָס מאָל אַביסל פֿאַרשפּע־טיקט מיכן אַרויסגעבן אונזער צײַטונג

ערשטנס, זענען די וועטערן נישט גע־ווען נאָרמאַלע עס איז געווען זייער וואַ־רעם אָדער זייער קאַלט — און דאָס זע־נען נישט קיין „פּאַגאַדעס" אָנצושרײַבן אַ סאַטירישע צײַטונג

צווייטנס האָבן מיר צוליב די ימים נוראים נישט געקענט געפֿינען קיין דרוק־קער. אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי נישט קיין מורא צו רייסן די הויט פֿאַרן דרוק. אָ־בער איצט האָבן זיי מורא געהאַט. און דרוקן פֿאַר ביליקער. האָבן זיי נישט גע־האַט דאָס האַרץ.

דריטנס האָבן מיר נישט געקענט גע־פֿינען קיין רמזים פֿאַר די ראשי תיבֿות פֿון תּ. ש. ב. ג.

מיר האָבן בלויז געקענט אויסטייטשן די לעצטע צוויי אותיות: כ. און ג. — און דאָס האָט אויך נישט געטויגט, ווײַל מיר האָבן פֿאַר כ. און ג. געהאַט צופֿיל אויסטייטשונגען. ווי אַ שטייגער: דאָס יאָר כ״ג זאָל זײַן אַ יאָר פֿון כּסף און גדולה; צי לאָמיר זאָגן, כרושטשעוו ג.... אָדער „כאַראָשי גאָד".

האָבן מיר באַשלאָסן צו געבן אײַך אַ־לע דרײַ ראשי תיבֿות און קלײַבט אײַך אַליין אויס.

אינטערוויו מיט שמעון דזשיגאַן

איינגענומען דורך א פון תל-אביב

מיר האָבן, ערב שליסן דעם נומער, אויפגעזוכט דזשיגאַנען, אין רעסטאָראַן „מאַקס“ אויף די נאָטר־דאַם דע נאַזאַרעט און ביי אים געבעטן אן אינטערוויו פאַר די „פאַריזער שפּילקעס“

דזשיגאַן האָט זיך פונאַנדערגעשמייכלט מיט זיין אייגנאַרטיק סאַרקאַסטיש שמייכעלע: „אַן אינטערוויו פאַר די „שפּילקעס“? זייער פיין. אין ישראל בין איך צוגעוווינט דערצו, אז יעדער וואָרט מוז זיין מיט א חכמה פון פאָרנט און א שפּילקע פון הינטן. אבער דאָ, אין פאַריז זאָל אויך אזוי זיין האָב איך מיר נישט פאָרגעשטעלט. נו, מילא, פרעגט וועל איך אייך ענטפערן. אָבער נאָר אויף קלוגע פראַגן...

— וויפל פאָרשטעלונגען האָט איר בדעה צו געבן אין פאַריז?

— לײדער בלייבט מיר נישט מער קיין צייט ווי אויף דריי פאָרשטעלונגען. אבער איך וועל נישט מער געבן ווי איין פאָרשטעלונג. מען זאָגט מיר אז א סך פאַריזער יידן האָבן זיך „געשמדט“ אויף פראַנצויזיש. אגב לאָמיר איך זאָגן, אז איך האָב דערפון נישט קיין עגמת־נפש, ווייל די פאַריזער יידן וואָס קומען קיין ישראל זען די כותל מערבי פון וויטנס און קענען נישט קומען זיי מיך זען פון נאָענט.

— איר האָט אין אייער פּראָגראַם עפּעס ספּעציעלעס פאַר פאַריז?

— כ'האָב א מאָנאָלאָג וועגן א פאַריזער טוריסט אין ישראל. אבער כ'וועל אים נישט געבן, ווייל כ'האָב עפּעס בעסערס...

— איר האָט באַגעגנט א סך פאַריזער יידן אין תל־אביב?

— יאָאָאָאָ!. פאַריזער יידן קויפן זיך דירות אין ישראל אבער נישט צום וווינען נאָר אויף צו פאַרקויפן. זיי אינפאָרמירן זיך וועגן די פּרייזן, אבער נישט אין שייכות מיט זייער עליה נאָר בדי צו פאַרגלייכן צי זיי זענען נישט אריינגעפאַלן מיט די פּרייזן פאַר די ווילעס וואָס זיי האָבן זיך געקויפט אין פאַריז..

— עס קומען דאָך נישט בלויז יידן פון פראַנקרייך באַזוכן ישראל?

— ב'וויים. עס איז צדשט נישט לאַנג געווען דער בירגערמייסטער פון מאַרסעי דער סאָציאַליסטישער סענאַטאָר גאַסטאָן דעפער, איר האָט מסתמא געהערט פון אים.. האָט אים אשכול געבעטן, ער זאָל אים העלפן אריינטרעטן אין מאַרשע קאָמען, האָט אים דעפער געפרעגט: „וואָס קענט איר געבן אלס אויסטויש־סחורות“? דערויף האָט אים אשכול דערקלערט: „אויב פראַנקרייך וועט אונז שיקן שיפן, וועלן מיר אייך שיקן ימעון“..

— וואָסערן איינדרוק מאַכן אויף אייך פאַריזער יידישע טוריסטן אין ישראל?

ס'איז דאָ אזעלכע, וואָס האָבן שכל און ווילן אינוועסטירן האָבן זיי נישט קיין געלט און די וואָס האָבן געלט האָבן זיי נישט קיין שכל...

— איר זענט צופרידן צו זיין ווידער אין פאַריז?

— אַלץ הייסט צופרידן! איך האָב אויפן שיף באַקומען א טעלעגראַמע פון מיין אמעריקאַנער אימפּרעסאַריאָ, אז איך זאָל זאָפאָרט קומען, אז אַלץ איז שוין גרייט. האָב איך פונדעסטוועגן אים נישט געהערט און בין געקומען קיין פאַריז ווו איך בין נישט געווען 4 מיט א האַלב יאָר. וועלכער יידישער אַקטיאָר וואָלט עס געטאָן צוליב איין פאָרשטעלונג? איך גלויב אז די פאַריזער יידן וועלן עס וויסן אָפּצושאַצן — בעיקר די וואָס קומען אויף פּרייקאַרטן..

— וואָס האָט איר שוין געזען אין פאַריז?

— איך האָב יום־כיפּור געמאַכט א בליץ־אויספלוג אין די שולן און בתי־מדרשים. לויט די איבערגעפּאַקטע שולן האָב איך מיר פאָרגעשטעלט וויפל זיי זינדיקן א גאַנץ יאָר...

— אפשר האָט איר פאַר די „שפּילקעס“ עפּעס א נייעם וויץ פון ישראל?

— לײדער! אזוי ווי בן־גוריון איז לעצטנס געווען א לענגערע צייט פאַרריזט אין די סקאַנדינאַווישע לענדער איז נישט צוגעקומען קיין נייע וויצן. נאָר אן אנעקדאָט קען איך אייך יאָ דערציילן: דער נאָרוועגישער קעניג אַלאַף האָט געפרעגט בן־גוריונען: „וואָס דאַרף מען טאָן לויט אייער מיינונג אָפּצושוואַכן דעם איינפלוס פון די סאָוויעטן אין אַפּריקע?“ אויף דערויף האָט אים דער ישראל־פּרעמיער געענטפערט: מען דאַרף אויפקלערן די שוואַרצע אז די רויטע זענען אויך ווייסע ווו קאַמפּראַנע..

— ווי מיינט איר פריינט דזשיגאַן עס קען אויסברעכן א מלחמה צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער?

— איך גלויב נישט אין דעם ווייל בן־גוריון האָט אויף דעם אן אויסגעפּרוווטן מיטל: ער האָט א מיניסטער וואָס הייסט דב יוסף. ווען ער איז געווען פאַרזאָרגונגס־מיניסטער איז נישט געווען קיין עסן קיין דירות, נישט קיין געלט — און ווען עס וועט האַלטן ביי א מלחמה, וועט ער אים מאַכן פאַר קריגס־מיניסטער, וועט קיין מלחמה אויך נישט זיין.

— איצט נאָך א פראַגע: ווי מיינט איר ליבער דזשיגאַן, מיר האָבן עפּעס אן עצה קעגן עגיפּטישע ראַקעטן?

דזשיגאַן ווערט דאָ זייער ערנסט און בויגט זיך צו אונז צו: „אַדון ליבערמאַן, איר קענט האַלטן א סוד?“.

— יאָ געוויס

— איך אויך..

ביי די לעצטע ווערטער איז צוגעקומען זלמן קאַלעשניקאָוו מיט אן אומדערוואַרטעטער פראַגע:

— אנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט נחת פון קינדער... איך וויל אייך פרעגן, אדון דזשיגאַן, אייער פּראָגראַם איז „פּריש גע־זונט און משוגע“? מילא, איך פאַרשטיי, אז אזא ייד ווי איר, קומט אהער קיין פאַריז געבן איין איינציקע פאָרשטעלונג מוז עפּעס זיין... אבער זאָגט מיר פּריש איז געזונט זענט איר אויך?

דזשיגאַן האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן אויף דער לעצטער פראַגע עס זיינען גראָד צוגעקומען עטלעכע פון זיינע פאַריזער פריינט.



דער עדות

דער פאַרטיידיקער פאַרשט דעם עדות וועלכער האָט צוגעזען די שרעקלעכע דראַמע.

— ווי ווייט זייט איר געווען פון דער געשעעניש ווען עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער ערשטער שאָס!

— א דריי מעטער ווייט בערך

— און ווען עס האָט זיך דערהערט דער צווייטער שאָס?

— כ'האָב נישט געמאָסטן איך מיין אבער אז אומגעפער א 300 מעטער

א יום כיפּורדיקער שמועס

צווישן געצל פון פּלעצל

און וועלוול פון בעלוויל

[illegible]

יידישער טעאטער-סעזאן אין פאריז האט זיך אנגעהויבן

מוצאי ראש השנה האט דער קאבא־רעט־אייגנטימער דיוו קאש, אנגעהויבן דעם פאריזער יידישן טעאטער־סעזאן מיט א רעווי א.נ. „די פריילעכע וואנדע־רער״.

גאבן האבן אויסגעזעסן די גאנצע צייט פון דער רעווי, איז אונז קודם כל קלאר געווארן פארוואס „וואנדערער״.

ווייטער האבן מיר געהאט די געלעגנ־הייט אויף געוויסע מעדיטאציעס וואס ביי נארמאלע אומשטענדן וואלט עס אונז נישט איינגעפאלן. אזוי למשל, האבן מיר זיך דערטראכט דערצו אז דעם דאזיקן רייכן ושאנער טעאטער קען מען איינ־טיילן אויף פארשידענע קאטעגאריעס. ווי א שמייגער באקס : ביי באקס איז פא־ראן א קאטעגאריע „מיטל־געוויכט״, „לייכט־געוויכט״ „האן־געוויכט״ „פע־דער־געוויכט״. עס פעלט נאך צו „פויך־געוויכט״ און „געוויכט־לאזיקייט״

מיר האבן געהאט א געלעגנהייט צו באקענען דעם בארימטן ישראלדיקן קאנ־פעראנסיע יאהאלאמי. לעבן אונז איז גע־זעסן א כריינט פון ישראל (דער נאמען מיטן אדרעס געפינט זיך אין רעדאקציע) איז ער ממש געווען באגייסטערס און בים סוף פון דער רעווי אויסגערופן : „איך באוווּנדער דעם פענאמענאלן זכרון פון יאהאלאמי, צו געדענקען פון אויסג־ווייניק אזוי פיל אלטע וויצן״.

עס איז אויך אויפגעטראטן אויפן דא־זיקן אויגוסט די ישראדיקע זינגערין רות מימון וואס ליידן אויטוען. וואלט זי גאנץ גוט געקענט שפילן שמשון הגיבור. א חוץ דעם איז זי זייער אמוזאנט, זייער פארוויילנדיק.

וועגן קאשן איז נישטא וואס צו זאגן. ער איז אונז אלעמען באקאנט. זיינע וויצן און זיינע לידלעך (וואס ער פארפאסט אליין) זענען א שם דבר.

עס וואלט געווען א גלייכע זאך, אז די קאנסיסטאריע זאל איבערנעמען די השגחה אויף כשרות אין קאשיס רעסטא־ראן דאס וואלט איינאיינוועג איר געגעבן א געלעגנהייט צו כשרן די וויצן אייך.

אלטוויץ

אין דאס האט איר שוין געהערט?

א פרומע טובה

דער ישראל־אינזשיניער „ארכין וועל־בער האט דערפונדן א נייעם סיסטעם ווי אזוי צו אנטזאלצן ים־וואסער איז, ווי באוווסט אן אפגעהיטעגער ייד און גייס יעדן טאג דאוועגן.

נעמענדיק דאס אין באטראכט האט די „אגודת ישראל״ — גיט מען איבער — ארויסגעגעבן א היתר, אז זיין וואסער ווען מען מעגן נוצן אלס „מים אחרונים״.

דערפאר

די מילך־פראדוצענטן פאדערן א הע־כערונג אין ישראל. זאגן לצים :

— דאס איז דערפאר ווייל עס איז היי יאר געווען א טריקעניש אין לאנד... איז שווער צו קריגן צוגיס־וואסער.

פריער און איצט

אין באטיסטאס צייטן זענען אין קובא געווען א צען טויזנט יידן איצט ביי פי־דעל קאסטרא, קומט פאר א מאסן־אויס־וואנדערונג פון יידן.

פריער זענען דארט געווען „יידן און בערד״ איצט האב איך מורא וועלן דארט בלייבן „בערד און יידן״.

א לייכט שטיקל ארבעט

— מיר קומט נישט אן שווער צו קריגן געלט פון מיין מאן אויב ער גיט נישט, סטראשע איך אים, אז איך פאר אוועק.

— נו, און דאס העלפט ?

— א פראגע אביסל ! ער גיט מיר באלד געלט אויף אן אעראפלאן־בילעט.

אויפן צימבל

געזעלשאפט פריינט פון פאריזער שפילקעס־ענדערט דעם נאמען

ווי אונזערע לייענער ווייסן שוין האט זיך אין די עשרת ימי תשובה געגרינדעט די געזעלשאפט „פריינט פון פאריזער שפילקעס״. דער ציל איז נישט קיין סוד : דאס איז צוליב דעם אז די זאמל־אקציע פון 22 מיליאן זאל ווערן געקרוינט מיט דערפאלג. דער צווייטער ציל איז בבדי צו באקומען אנאנטן.

וואס שייך די ערשטע קעגן מיר מיט טאטיספאקציע איבערגעבן אז באלד אין דער ערשטער וואך איז נישט בלויז דער־גרייכט געווארן די פולע סומע פון 22 מיליאן, נאר א דאנק דער איבערגעגעבנ־קייט פון די סאטיעטעס „שומרים לבוקר און „פתח לגו שער״ איז געזאמלט גע־ווארן; 44 מיליאן.

דעם עודף פון 22 מיליאן האבן מיר צו דער דיספאזיציע פון אונזער ברידער־ארגאן „דאס ארבעטער־ווארט״ ווי מיר האבן זיך פון ערב ראש השנה־ומער דערוויסט אז עס זענען שוין דארט אנ־געקומען פראטעסטן פון פראנקרייך און פון אויסלאנד הלמאי די צייטונג דער־שיינט נישט אפט, עס זאל אפילו האלטן ביי גאסן־מאניפעסטאציעס.

אבער אזוי ווי עס איז נישטא קיין טרוקענער רעגן, קיין שאטן אן זונשיין אזוי האט זיך אויך אונזער הימל פאר־וואלקנט, דער פרעזידענט פון דער גע־זעלשאפט „פריינט פון פאריזער שפיל־קעס״ האט אונז געשטעלט אן אולטימא־טום : אדער מיר נעמען אריין אין רע־דאקציע־מיטגליד דעם הומאריסט שמעון שפונד אדער ער דעמיסיאנירט. האבן מיר נישט געהאט קיין אנדערע ברירה ווי טוישן דעם נאמען אויף „פריינט פון שמעון שפונד״ אנשטאט „פריינט פון פא־ריזער שפילקעס״

ווייטער איז צוריק אלץ אין בעסטער ארדענונג. אונזער געזעלשאפט וואס בא־שטייט פון כמעט בלויז אזעלכע יידן, וואס ביי די סרוטק הייסן זיי „בסתר המדרגה יידן״, איז זייער אקטיוו און מיר באד זיך אין געלט.

Directeur Gerant
A A LIBERMAN
20. Allee des Bouvreuils à Drancy (Seine)
Tél AVlation 18_89

קארעקטאר — ר מלמד

Imprimerie PAX, 17 r St. Joseph PARIS 2e

— ווער האט דיר געגעבן אזא הייטערע פיליאָפּיע ?
— די געוווינהייט צו צרות

(באמארשע)